**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט די אנהויב פון פרויען'ס היסטאריע חודש**

***גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג דעם חודש מערץ אלץ 'פרויען'ס היסטאריע חודש' צו באעהרן פיאנירנדע פרויען וועלכע האבן געפארעמט די סטעיט'ס היסטאריע***

***סטעיט וויכטיגע געביידעס וועלן באלאכטן ווערן אין פוירפל אין עהרע פון פרויען'ס היסטאריע חודש***

גאווערנער האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) דעזיגנירנדיג דעם חודש מערץ אלץ 'פרויען'ס היסטאריע חודש' צו פייערן די עררייכונגען פון ניו יארקע פרויען. אין אנערקענונג וועלן ניו יארק סטעיט וויכטיגע געביידעס באלאכטן ווערן אין פוירפל היינט נאכט, מערץ 1.

"פון וואטערלו ביז סענעקע פאָלס — האט ניו יארק סטעיט באפעסטיגט איר פלאץ אין היסטאריע אלץ די געבורטס פלאץ פון די פרויען'ס רעכטן באוועגונג, און איך ווייס אז איך וואלט נישט געשטאנען דא אלץ די ערשטע פרוי גאווערנער ווען נישט די קוראזשפולע פרויען וועלכע האבן אויסגעפלאסטערט די וועג אויף וועלכע איך האב געשפרייזט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דעם חודש און יעדן חודש וועלן מיר פארזעצן צו ארבעטן שווער צו באעהרן די ירושה וואס די אלע וועלכע האבן געקעמפט מידלאז פאר גלייכקייט האבן איבערגעלאזט, און מיר וועלן זיכער מאכן אז מיר בויען א לעכטיגערע, מער יושר'דיגע צוקונפט פאר אונזערע טאכטער און מיידל אייניקלעך."

אין איר פרויען'ס היסטאריע חודש [פראקלאמאציע](#) האט גאווערנער האקול פארגעשטעלט די היי-יאריגע נאציאנאלע טעמע: "פייערן פרויען וועלכע דערציילן אונזערע געשיכטעס", באעהרנדיג ניו יארקע פרויען וועלכע האבן גענוצט זייער חזון און טאלאנט אלץ שרייבערינס, זשורנאליסטן, פארעפנטליכער, פאטאגראפירער און פאעטן צו באררייכערן די געזעלשאפט.

די וויכטיגע געביידעס וועלכע וועלן באלאכטן ווערן אין עהרע פון פרויען'ס היסטאריע חודש רעכענען אריין:

- WTC1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק

- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- פעירפארט ליפטברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418